Dec. 19, 1980

# פויפּסט קאָמענטירט פאַלש ביבלישן 'אויג פאַר אַן אויג', דערקלערט איד. קאָנגרעס

דער אַמעריקאַנער אידישער קאָנגרעס האָט אויסגעדריקט „שטוינונג און אַנטוישונג", צוליב דער פאַרפירערישער אינטערפּרעטאַציע פון ביבלישן געבאָט „אַן אויג פאַר אַן אויג און אַ צאָן פאַר אַ צאָן", וואָס פּויפּסט דזשאָן פּאָול דער 2טער האָט געמאַכט אין דער נייעסטער ענציקליקע.

הענרי סיגמאַן, עקזעקוטיוו דירעקטאָר פון אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס, האָט געמאַכט אַן איינווענדונג קעגן אַ שטעלע אין דער פּויפּסטלעכער ענציקליקע „ביוויס אין מיסעריקאָרדיאַ" פון 2טן דעצעמבער, וואו עס זאָגט זיך, אַז דאָס געבאָט פון דער ביבל איז אַ „פאַרקריפּלונג פון יושר". מר. סיגמאַן האָט אויסגעדריקט די האָפענונג, אַז עס וועלן געמאַכט ווערן די געהעריקע שריט, כדי אויפצוקלערן און קאָרעגירן די דאָזיקע שטעלע.

אין אַ בריוו צו מאָנסיניאָר כאָרכע מעכיאַ, לייטער פון דער וואַטיקאַנער קאָמיסיע פאַר רעליגיעזע באַציאונגען מיט אידן, האָט מר. סיגמאַן געשריבן:

„מיט שטוינונג און אַנטוישונג האָבן מיר געלייענט אַ שטעלע אין דער ענציקליקע פון פּויפּסט דזשאָן פּאָול דעם 2טן וועגן אַ „פאַרקריפּלונג פון יושר" אין אַלטן טעסטאַמענט, וואָס איז הייליק פאַר אידן און קריסטן.

„די דאָזיקע שטעלע לויטעט: נישט אומזיסט האָט קריסטוס געמאַכט די אַרויספאָדערונג צו זיינע צוהערער, די גלויביקע. אין דער לערע פון אַלטן טעסטאַמענט, פאַר זייער שטעלונג, וואָס איז געקומען צום אויסדרוק אין די ווערטער: אַן אויג פאַר אַן אויג און אַ צאָן פאַר אַ צאָן! דאָס איז געווען אַ פאַרקריפּלונג פון גערעכטיקייט אין דער דעמאָלסטדיקער צייט; אויך היינט ווערט די דאָזיקע פאָרמולע פאַרגעזעצט.

„די דאָזיקע שטעלע איז אין פולשטענדיקן ווידערשפּרוך מיט די אַנדערע שטעלעס אין דער ענציקליקע, אין וועלכע עס רעדט זיך וועגן אַלטן טעסטאַמענט. עס איז אין ווידערשפּרוך מיטן גייסט פון די וואַטיקאַנער פּרינציפּן פון יאָר 1975, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר אַ וויכטיקן פאָרשריט אין די קאַטויליש־אידישע באַציאונגען.

„די ציטירטע שטעלע פון דער ענציקליקע איז אַ פאַרקריפּלונג פון יודאַאיזם אין די צייטן פון קריסטוס'ן, וואָס האָט ריכטיק פאַרשטאַנען און אינטערפּרעטירט דעם ביבלישן פּסוק „אַן אויג פאַר אַן אויג און אַ צאָן פאַר אַ צאָן", צו

(שלוס אויף זייט 13)

## פויפּסט קאָמענטירט פאַלש

(שלוס פון זייט 3)

באַרגיטיקן מיט געלט פאַר פיזישע שאָדנס פון איין מענטש קעגן אַ צווייטן. דערביי דאַרף אונטערגעשטראָכן ווערן, אַז עס עקזיסטירט נישט קיין שום באַווייז, אַז דער דאָזיקער ביבלישער פּסוק זאָל ווען עס איז דורך אידן ווערן אינטערפּרעטירט, אַז דאָס באַרעכטיקט צו פיזישער שטראָף. עס איז העריבער ביז גאָר פיינלעך, וואָס די פּויפּסטלעכע ענציקליקע מאַכט דעם איינדרוק, אַז אין די צייטן פון קריסטוס'ן האָבן אידן פּראַקטיצירט דעם „לעקס טאַליאָניס" (נקמה־געבאָט). מיר האָפן, אַז די געהעריקע שריט וועלן געמאַכט ווערן צו קאָרעגירן און אויפקלערן די פאַרדריסלעכע שטעלע".